# לקוטי שיחות

VAYEITZEI I ויצא א

SELECTIONS FROM

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

# VAYEITZEI I | ויצא א

*LIKKUTEI SICHOS,* VOLUME 15, P. 252FF.

Adapted from a *sichad* delivered on *Yud Kislev* 5737 [1976]

## Introduction

One of the first terms a person being introduced to the thought system of *Chabad* encounters is *bittul.* However, the meaning of the term – and the application of the concept – is often misunderstood. Generally, *bittul* is translated as "self-nullification." The intent, however, is not that a person feel that he is "nothing," devoid of self-worth.

True, *bittul* means to go beyond one's "self" and forget one's ego, but the intent is self-transcendence, not self-nullification. The person leaves his personal identity behind, but rather than being left empty, he takes on a new, higher identity. Our Sages alluded to these concepts in their teaching:[1] "The servant of a king is a king." Precisely because one is a servant, he gains new strength and energy because he becomes a medium in which and through which the king's power is revealed. Since his entire existence is defined by his being a servant of the king, with no identity or power of his own whatsoever, the power he manifests is nothing more than the power of the king that is revealed through him.

The Rebbe develops these concepts in the *sichah* that follows, focusing on the 20 years Yaakov spent in Lavan's household, tending to his sheep. Yaakov was 84 years old at that time. He had been raised in the household of Yitzchak and Rivkah and had just spent 14 years studying in seclusion under the tutelage of Ever, a prophet and a sage. In this way, he had reached the heights of personal refinement. Nevertheless, for him to fulfill his mission in the world, a further lesson was necessary. Who would be his teacher? Lavan's sheep.

צאן, Hebrew for "sheep," shares the same root as the word יציאה, *yetziah,* which means "going out." Moreover, as we see in actual life, sheep possess the quality of *bittul* more than other animals. This was the lesson Yaakov was to learn in Charan: how to go beyond his own identity and devote himself to the mission G-d entrusted to him. The *bittul* this experience taught him endowed him with the inner strength and power to overcome any and all challenges he would encounter in the future.

---

1. *Rashi*, *Bamidbar* 12:8; *Sifri* and *Rashi, Devarim* 1:7; *et al.* Though the conceptual basis for this concept is explained in this *sichah,* the actual quote from our Sages is not mentioned here. See p. 331 above, which makes reference to it.

# A Foundation of Self-Transcendence: A Lesson from Sheep

## Tending to the Flocks

**This week's Torah reading elaborates upon the description** of the life **of Yaakov our Patriarch in the house of Lavan,** relating how **he devoted himself principally to** tending **sheep.** Not only **did he work as a shepherd, but ultimately, Lavan paid him with sheep.**

Thus, **Yaakov's property consisted primarily of sheep and from them, he became wealthy, "And the man became prodigiously** successful. **He acquired fertile sheep, and they became** a source of **wealth for him – and he exchanged these sheep for – maidservants, servants, camels, and donkeys."[1] As *Rashi*[2] comments, "He would sell his sheep at a high price and purchase all the above."[3]**

**Nevertheless, as related in *Parshas Vayishlach*, when Yaakov** instructed his agents **to convey a message to Esav, he describes his property in the following order,[4] "I have acquired oxen and donkeys, sheep, servants, and maidservants."** He mentions **sheep after "oxen and donkeys"[5] and not as his first and primary acquisition. In particular, this represents a change from** the wording used in another verse **which relates that when Yaakov fled from Lavan,[6]**

א. אִין דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה וֶוערְט דֶערְצֵיילְט מִיט אַ גְרוֹיסֶער אֲרִיכוּת, ווִי יַעֲקֹב אָבִינוּ זַייעֶנְדִיק בְּבֵית לָבָן, הָאט זִיךְ בַּאזוּנְדֶערְס אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט "צֹאן" - סַיי זַיְין עֲבוֹדָה דָארְט אִיז גֶעוועֶן אַלְס רוֹעֵה צֹאן, אוּן סַיי דֶער שְׂכַר וָואס לָבָן הָאט אִים פַּאר דֶעם גֶעצָאלְט לִבְסוֹף אִיז גֶעוועֶן מִיט צֹאן;

אַזוֹי אַז זַיְין (עִיקַר) רְכוּשׁ אִיז גֶעוועֶן צֹאן אוּן פוּן דֶעם אִיז עֶר נִתְעַשֵּׁר גֶעוָוארְן - "וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד וַיְהִי לוֹ צֹאן רַבּוֹת (אוּן דוּרְךְ דֶעם צֹאן הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט) וּשְׁפָחוֹת וַעֲבָדִים וּגְמַלִּים וַחֲמוֹרִים"[א], ווִי רַשִׁ"י[ב] אִיז מְפָרֵשׁ: "מוֹכֵר צֹאנוֹ בְּדָמִים יְקָרִים וְלוֹקֵחַ לוֹ כָּל אֵלֶּה"[ג].

פוּנְדֶעסְטְוועֶגְן זֶעט מֶען אַז אִין פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח[ד], בַּיי דֶער שְׁלִיחוּת פוּן יַעֲקֹב צוּ עֵשָׂו'ן, ווֶערְן דָארט דִי פְּרָטֵי הָרְכוּשׁ פוּן יַעֲקֹב אוֹיסְגֶערֶעכְנְט מִיט דֶעם סֵדֶר: "וַיְהִי לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה גו'" - "צֹאן" נָאךְ "שׁוֹר וַחֲמוֹר"[ה] - אוּן נִיט צֹאן אַלְס רֵאשִׁית וְעִיקַר קִנְיָנוֹ; וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט ווִי פְּרִיעֶר, ווֶען דֶער פָּסוּק דֶערְצֵיילְט ווִי יַעֲקֹב אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן לָבָן'עֶן, וָואס עֶס שְׁטֵייט[ו]

1. *Bereishis* 30:43. The translation of *rabbos* as "fertile" is taken from *Rashi*'s commentary.

2. In his commentary to the verse.

3. See *Toras Chayim* on this *parshah*, p. 30c.

4. *Bereishis* 32:6.

5. See also the commentary of Rabbeinu Bachya to that verse, *et al.*

6. *Bereishis* 31:18.

**"He led away (first) all of his herds (and only then) all of his property... what he had purchased with his herds."**[7]

״וַיִּנְהַג (פְרִיעֶר) אֶת כָּל מִקְנֵהוּ (אוּן עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ) וְאֶת כָּל רְכוּשׁוֹ גו׳ מִקְנֵה קִנְיָנוֹ[ז] גו׳״.

## Following in Yaakov's Footsteps

**Every concept in the Torah is an eternal lesson for every Jew in every place and time.** This applies **in particular regarding the "actions of the Patriarchs" which are related in the Torah**[8] **– and how much more so does this apply regarding a concept that fills almost an entire Torah reading. Such narratives** certainly **are "a sign to their descendants," empowering the descendants of Avraham, Yitzchak, and Yaakov to carry out** their appropriate **Divine service.**

**Relevant lessons for the spiritual service of every Jew can be derived from the following particulars involving Yaakov's work with sheep:**

**a) specifically sheep enabled him to "become prodigiously** successful";

**b) although his primary property was sheep, he nevertheless exchanged (a portion of) his sheep for "maidservants, servants, camels, and donkeys";**

**c) regarding the mission to Esav, he mentioned sheep after "oxen and donkeys."**

ב. יֶעדֶער עִנְיָן אִין תּוֹרָה, אִיז אַ הוֹרָאָה נִצְחִית פַאר יֶעדֶער אִידְ'ן בְּכָל מָקוֹם וּבְכָל זְמַן. וּבִפְרַט דִי ״מַעֲשֵׂה אָבוֹת״ װעֶלְכֶע װעֶרְן דֶערְצֵיילְט אִין תּוֹרָה[ח] - וְעַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אַן עִנְיָן װאָס פַארְנֶעמְט כִּמְעַט אַ גַאנְצֶע סֶדְרָה - װאָס זַיְינֶען ״סִימָן לַבָּנִים״, אַ נְתִינַת כֹּחַ צוּ דֶער עֲבוֹדָה פוּן דִי ״בָּנִים״, בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב.

דֶערְפוּן אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז דִי פְּרָטִים הַנַ״ל אִין יַעֲקֹב'ס פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט צֹאן

- (א) אַז דַוְקָא ״צֹאן״ הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶעם ״וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד״; (ב) לְאִידָךְ, כָאטשׁ אַז ״צֹאן״ אִיז גֶעװעֶן עִיקַר רְכוּשׁוֹ, הָאט עֶר אָבֶער פַארְבִּיטְן (אַ טֵייל פוּן) זַיְין צֹאן אוֹיף ״שְׁפָחוֹת וַעֲבָדִים וּגְמַלִּים וַחֲמוֹרִים״, (ג) אִין זַיְין שְׁלִיחוּת צוּ עֵשָׂו'ן הָאט עֶר דֶערְמָאנְט ״צֹאן״ נָאךְ ״שׁוֹר וַחֲמוֹר״ -

זַיְינֶען דָא אִין דֶער עֲבוֹדָה רוחנית פוּן יֶעדֶער אִידְן.

## When Less Is More

The above concepts **can be clarified by prefacing** an explanation of **the description of the Jews' bond with G-d found in the *Midrash*,**[9]

ג. װעֶט מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין בְּהַקְדִים װאָס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[ט] װעֶגְן דֶעם פַארְבּוּנְד צְװִישְׁן אִידְן

---

7. As *Rashi* comments on the verse, "I.e., what he had purchased with his sheep: servants, maidservants, camels, and donkeys."

8. See *Likkutei Sichos*, Vol. 5, p. 69ff.

9. *Shir HaShirim Rabbah* 2:16 (1).

"He is my Father and I am a son to Him.... He is my Shepherd... and I am like His sheep."

There is a well-known question[10] regarding this teaching. Since the Jews are compared to G-d's sons, what is added by comparing them to sheep? On the contrary, how can the manner in which a shepherd cherishes sheep be compared to the manner in which a father cherishes a son?

The explanation given[10] is that this is precisely the significant factor.

The fact that the Jews are called sons shows that they are an independent entity with regard to their relationship with their Father (G-d). True, the bond between a Jewish soul and G-d does not resemble that between a son and a father on this physical plane, for in that instance, the son has become a separate entity from his father, while the soul is "entirely one (with G-d) and is not separate from Him at all."[11] Nevertheless, using the analogy of a son implies that it is as if the soul is an independent entity (and is not the father), and its existence and cherished quality has value and significance for the father. Such a relationship can be relevant only regarding the Divine light that enclothes itself in the Spiritual Cosmos,[12] the level of light that serves as a source for the created beings. The souls are significant on that level of existence.

However, with regard to the G-dly light that transcends the Spiritual Cosmos, the level of which it is said, "He has neither son nor

מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "הוּא לִי לְאָב וַאֲנִי לוֹ לְבֵן . . הוּא לִי לְרוֹעֶה . . וַאֲנִי לוֹ לְצֹאן". אִיז יָדוּעַ דִי שַׁאֲלָה אִין דֶעם: וְוִיבַּאלְד אַז אִידְן זַיְינֶען וְוִי אַ "בֵּן" צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וְוָאס קֶען דָא צוּגֶעבְּן דָאס וְוָאס זֵיי זַיְינֶען וְוִי "צֹאן" - וְאַדְּרַבָּא, וְוָאס פַאר אַן עֶרֶךְ הָאט דִי חֲבִיבוּת פוּן צֹאן בַּיי זֵייעֶר רוֹעֶה לְגַבֵּי דֶער חֲבִיבוּת פוּן אַ בֵּן בַּיי זַיְין אָב?

שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם דֶער בִּיאוּר', אַז הִיא הַנּוֹתֶנֶת:

דָאס וְוָאס מְ'רוּפְט אַן אִידְן בְּשֵׁם "בָּנִים", ווַיְיזְט אַז זֵיי זַיְינֶען אַ מְצִיאוּת לְגַבֵּי דֶעם "אָב" (דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן); אוּן אַף עַל פִּי אַז דֶער פַארְבּוּנְד פוּן אַ נְשָׁמָה מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז נִיט וְוִי אַ "בֵּן" לְמַטָּה וְוָאס "נִהְיָה מַהוּת בִּפְנֵי עַצְמוֹ" פוּן דֶעם אָב, נָאר דִי נְשָׁמָה אִיז "כּוּלָּא חַד (מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן) וְאֵינָהּ נִפְרֶדֶת מִמֶּנּוּ יִתְבָּרֵךְ כְּלַל"יא - אִיז דָאךְ אָבֶּער דֶער עֶצֶם תּוֹאַר "בֵּן" אַ בַּאווַיְיז, אַז דָאס אִיז כְּאִלּוּ וְוִי אַ צְווֵייטֶע מְצִיאוּת (נִיט דֶער "אָב"), אוּן זַיְין מְצִיאוּת וַחֲבִיבוּת הָאט אַן עֶרֶךְ וּתְפִיסַת מָקוֹם בַּיְים אָב - וְוָאס דָאס קֶען מֶען זָאגְן נָאר לְגַבֵּי דֶעם אוֹר אֱלֹקִי פוּן סֵדֶר הִשְׁתַּלְשְׁלוּתיב, וְוָאס אִיז אַ שׁוֹרֶשׁ וּמָקוֹר אוֹיף נִבְרָאִים, אוּן דֶערְפַאר זַיְינֶען זֵיי דָארְט תּוֹפֵס מָקוֹם.

אָבֶּער לְגַבֵּי דֶעם אוֹר אֱלֹקִי שֶׁלְּמַעְלָה מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת, אִיז - "גַּם בֵּן

10. Regarding the concepts stated in this section, see *Or HaTorah, Devarim*, Vol. 2, p. 784–785, 795ff.

11. *Likkutei Torah, Devarim* 62d.

12. The term Spiritual Cosmos is being used as a translation for the words *Seder HaHishtalshelus,* the chain-like, downward progression of spiritual realms.

See also *Derech Mitzvosecha* (pp. 4a–b) which states that the concepts of union (*yichud*) and bonding (*zivug*) are not viable in the planes of spiritual existence above ***Atzilus.*** There is one level of G-dly light, the light that is *memalei kol almin*, that "fills all the worlds," that is designated to bring into being and enclothe itself within limited existence. This Divine light brings into being the abovementioned progression of spiritual realms. Since this

**brother,"[13] it is not relevant to speak of any existence outside of His own Being.**

**With regard to this level, the Jewish people (and their cherished quality) are compared to sheep. For sheep (and their cherished quality) have no significance in relation to the essence of the Shepherd.**

**However, this is also a sign of the unique nature of the Jewish people, that even on the level of G-dliness where there is no place for the existence of created beings – "He has neither son nor brother" – the Jews are** nevertheless **cherished.[14]**

On this level, **however, the Jews' cherished quality comes not because of their identity,** who they are and the virtues they possess, **but on the contrary, because of** their transcendence of their identity and **the awesome *bittul* to G-d** that they display. **This *bittul* is a medium for the Divine light that transcends the Spiritual Cosmos, as it is written,[15] "I dwell with the lofty and the holy ones, and with those who are crushed and humble in spirit."**

**This concept – the awesome *bittul*** exhibited by the Jewish people **– is alluded to by the comparison of the Jews to sheep. For as we see in actual life, sheep possess the quality of *bittul* more than other animals.[16]**

ואח אין לו"[יג] - עס איז ניט שייך צו זאגן אז ס'איז דא וועלכע ס'איז מציאות אויסער אים; און לגבי אים ווערן אידן (וחביבותם) פארגליכן צו צאן, וואס זייער מציאות (ווי אויך זייער חביבות) האט ניט קיין ערך לגבי דעם מהות פון רועה.

אבער לאידך גיסא, איז דאס גופא א באוויז אויפן גודל העילוי פון אידן, אז אויך אין דער דרגא פון אלקות וואו ס'איז ניטא קיין נתינת מקום אויף דער מציאות פון נבראים - "גם בן ואח אין לו" - אויך "דארטן" איז דא די חביבות צו אידן[יד];

נאר די חביבות זייערע איז ניט מצד זייער "מציאות", נאר פארקערט - מצד זייער עוצם הביטול צום אויבערשטן, וואס דוקא דער ביטול איז א כלי צום אור אלקי שלמעלה מהשתלשלות, כמו שנאמר[טו] "מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח".

און אויך דער ענין - דער עוצם הביטול - איז מרומז אין דעם וואס אידן זיינען געגליכן צו צאן. ווארום, ווי מ'זעט במוחש, איז אין צאן דא די טבע הביטול מער ווי בא אנדערע מיני בהמה[טז].

## Scholars and Workers

**These two analogies for the Jewish people –**

ה. די צוויי תוארים פון אידן -

---

G-dly light allows for the existence of entities that feel separate from G-dliness, the souls are significant with regard to it.

There is, however, another level of G-dly light, a light that reveals the true reality, that there is nothing else but Him. As the *sichah* proceeds to explain, on this level, it is the souls' *bittul* and not their being, that is significant.

13. *Koheles* 4:8.

14. **Indeed,** G-d **"consulted" with the souls of the Jewish people on whether to bring into being creation as a whole (see *Bereishis Rabbah* 8:7; *Rus Rabbah* 2:3. See** also **the opening passages of *Likkutei Amarim* and *Or Torah* from the Maggid of Mezritch. See the explanation in *Likkutei Sichos,* Vol. 16, p. 486ff.).**

15. *Yeshayahu* 57:15.

The level of Divine light described

**sons and sheep – allude to two modes in man's Divine service:**[17] **The level of sons relates to Torah study. This service focuses on intellectual understanding and comprehension. (In this** mode of service**, the person studying feels significant.** After all, **he is grasping the Torah through his own powers of comprehension.)**

**For a person's study to focus on the true intent of the Torah, G-d's wisdom, his** study **must be characterized by *bittul.* Only through** the approach of **"Let my soul be as dust to all" is it possible for** G-d to **"open my heart to Your Torah"**[18] **(as explained regarding** the positive effect of **reciting the blessings before Torah study).**[19] Nevertheless, **this *bittul* serves** only **as a foundation and preparation for Torah study. The Torah study itself, however, must be carried out (not with *bittul,* but on the contrary) with the power of intellect.**

On the other hand, **sheep serve as an analogy for the Divine service of refining** the world at large**. *Tzon,* צאן, Hebrew for sheep, relates to the word *yetziah,* יציאה, "departure,"**[20] **going out from the realm**[21] **of Torah and occupying oneself with worldly affairs, to transform them into a dwelling place for G-d in the lower realms.**

"בֵּן" און "צֹאן" - זַיְינֶען מְרַמֵּז אוֹיף צְווֵיי אוֹפַנִּים אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם[יז]:

בְּחִינַת בֵּן אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, וָואס עִיקָרָהּ אִיז - דִי הֲבָנָה וְהַשָּׂגָה שֶׁבְּמוֹחַ (אִין וֶועלְכֶער דֶער אָדָם הַלּוֹמֵד פִילְט זִיךְ אַלְס אַ מְצִיאוּת - עֶר נֶעמְט תּוֹרָה דוּרְךְ זַיְין פַארְשְׁטַאנְד).

און אַף עַל פִּי אַז כְּדֵי עֶר זָאל בְּלִימּוּדוֹ מְכַוֵּן זַיְין צוּ אֲמִיתָּתָהּ שֶׁל תּוֹרָה, צוּ חָכְמָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, מוּז עֶר שְׁטֵיין אִין אַ תְּנוּעָה פוּן בִּיטּוּל - דַּוְקָא דוּרְךְ "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה" קֶען זַיְין "פְּתַח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ"[יח] (וּכְיָדוּעַ בְּעִנְיַן "בֵּרְכוּ בַּתּוֹרָה תְּחִלָּה"[יט]) - אִיז דָאס נָאר וָואס דֶער בִּיטּוּל אִיז אַ יְסוֹד וְהַקְדָּמָה צוּ לִימּוּד הַתּוֹרָה; אָבֶּער דֶער לִימּוּד הַתּוֹרָה גוּפָא אִיז דָאךְ (נִיט מִיט בִּיטּוּל, נָאר פַארְקֶערְט) מִיטְן כֹּחַ הַשֵּׂכֶל דַּוְקָא.

"צֹאן" ווַיְיזְט אוֹיף דֶער עֲבוֹדָה פוּן "בִּירוּרִים". "צֹאן" אִיז פוּן לְשׁוֹן "יְצִיאָה"[כ] - "אַרוֹיסְגֵיין" פוּן דִי ד' אַמּוֹת שֶׁל תּוֹרָה און פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט עִנְיָנֵי הָעוֹלָם צוּ מַאכְן פוּן זֵיי אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ בַּתַּחְתּוֹנִים.

---

here, the light that is *sovev kol almin*, transcending all worlds, in chassidic parlance, reveals the true reality, that nothing else but G-d exists. Nevertheless, because the souls of the Jewish people are characterized by the quality of *bittul*, self-transcendence, they can also relate to - and indeed, be cherished by – this level of Divine light.

16. ***Likkutei Torah, Vayikra,* p. 37a ff.; *Toras Chayim, Bereishis*, pp. 31b; 41a; *Or HaTorah, Vayishlach,* p. 228b; *Or HaTorah, Re'eh,* p. 796.**

17. **Regarding the concepts in this section, note the explanation (*Kuntreis Motzei Shabbos Parshas Chayei Sarah,* 5738, sec. 25ff., published in *Likkutei Sichos,* Vol. 20, p. 333ff) of our Sages' statement (*Bereishis Rabbah* 60:8; *Rashi* to *Bereishis* 24:42), "The conversation of the servants of the houses of the Patriarchs is superior to the Torah of their descendants."**

**See also *Or HaTorah, Parshas Re'eh,* p. 801. (There it is explained that sheep are identified with the service of prayer; see also note 62 in the *Kuntreis* cited above; *Likkutei Sichos, op. cit.*, p. 331.)**

18. **The passage *Elokai n'tzor*** recited after the *Shemoneh Esreh* (***Berachos* 17a).** See page 327, above.

19. ***Nedarim* 81a; *Bava Metzia* 85b; explained in *Likkutei Sichos,* Vol. 15, p. 3ff., *et al.***

20. ***Torah Or, Bereishis,* p. 23c; *Toras Chayim, Bereishis,* p. 38b, 39c ff.; *Or HaTorah, Bereishis,* p. 228a.**

21. The original uses the expression "four-cubits of Torah." In Talmudic terminology, "four cubits" refers to the

**This** path of **Divine service expresses a Jew's true *bittul* to G-d, how he goes beyond (צאן) his** personal **existence. For he does not perform this Divine service for himself, to reach** personal **fulfillment or to attain spiritual heights. (Indeed, on the contrary, the involvement with worldly matters is a descent for him. He must interrupt his study of Torah, in which he invests the highest and most refined capacities of his soul, and involve himself in matters of** physical **action.) This service is performed only to carry out G-d's purpose, to make a dwelling for Him in the lower realms.**[22]

אוּן דַוְקָא דִי עֲבוֹדָה בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דֶעם אֶמֶת'ן בִּיטוּל פוּן אַ אִידְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - דִי יְצִיאָה ("צֹאן") פוּן זַיְין מְצִיאוּת. וָוארוּם דָאס אִיז אַן עֲבוֹדָה וָואס אַ אִיד טוּט זִי נִיט צוּלִיבּ זִיךְ, צוּלִיבּ זַיְין שְׁלֵימוּת אוּן עֲלִיָּה

(וָוארוּם, אַדְּרַבָּה, דֶער עֶצֶם פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט עִנְיָנֵי הָעוֹלָם אִיז אַ יְרִידָה פַאר אִים, עֶר דַארְף מַפְסִיק זַיְין פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אִין וֶועלְכְן עֶס זַיְינֶען אַרַיְינְגֶעטָאן זַיְינֶע הֶעכֶערֶע אוּן אֵיידְלֶערֶע כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ, אוּן זִיךְ מִתְעַסֵק זַיְין אִין עִנְיָנֵי עֲשִׂיָּה)

נָאר בְּלוֹיז כְּדֵי צוּ אוֹיסְפִירְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס כַּוָּנָה, לַעֲשׂוֹת לוֹ יִתְבָּרֵךְ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים[כא].

## When Yaakov Was a Shepherd

**Based on the above, we can understand the connection between the concept of sheep and Yaakov's Divine service in Lavan's home.**

There is **a fundamental difference between Yaakov's Divine service during the period described in *Parshas Toldos* and his Divine service which is described in *Parshas Vayeitzei*:**[23] ***Parshas Toldos* describes Yaakov's Divine service in keeping with the analogy of a son.** He was **"an artless man, dwelling in tents,"**[24] interpreted by

ה. דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם קֶשֶׁר וְשַׁיְיכוּת פוּן עִנְיַן הַצֹּאן צוּ עֲבוֹדָתוֹ שֶׁל יַעֲקֹב בְּבֵית לָבָן.

דֶער חִילוּק צְווִישְׁן עֲבוֹדַת יַעֲקֹב אִין דֶעם זְמַן וֶועגְן וֶועלְכְן עֶס רֶעדט זִיךְ אִין פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת אוּן עֲבוֹדָתוֹ ווִי זִי וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אִין פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא[כב]:

אִין פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת רֶעדט זִיךְ וֶועגְן דֶער צַיְיט וָואס עֲבוֹדַת יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען בִּבְחִינַת "בֵּן" - "וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יוֹשֵׁב אֹהָלִים",

place a person occupies (see *Shabbos* 6a, *Bava Metzia* 10a–b, *et al.*). Similarly, *Berachos* 8a speaks of "the four cubits of *halachah*."

**22. See similar concepts in *Likkutei Sichos,* Vol. 15, p. 247, note 34.** See page 388, footnote 47.

**See also *ibid.*, pp. 248–249, which explains that this ascent that the soul achieves – that through the Divine service of refining** the world at large**, it reaches the state of *bittul* – is** intrinsically **related to the fulfillment of G-d's intent for a dwelling in the lower realms. For in order for man's Divine service to transform the lower realms into a dwelling for G-d's Essence, that Divine service must be characterized by utter *bittul*.**

To explain: the possibility for this world to become a dwelling for G-d exists **because it is only in this world that the utter *bittul* alluded to in the phrase *ein od* ("there is nothing else," *Devarim* 4:39) is manifest.** To achieve this, **a level of *bittul* of this nature must be reflected in man's Divine service.**

**23. Regarding the following concepts, see *Toras Chayim*, *Bereishis*, the *maamar* entitled *VeYitein Lecha*, sec. 20ff.**

**24. *Bereishis* 25:27.**

our Sages[25] as referring to studying in **the tents of Shem and the tents of Ever. Even the conclusion of the Torah reading which relates that Yaakov had to flee from his father's house did not mark a cessation of his** connection with constant **Torah study. On the contrary, he "hid in the house of Ever for fourteen years"[26] and studied Torah there.**

***Parshas Vayeitzei,*** **by contrast, speaks about Yaakov's departure from the realm of Torah study and his arrival in Charan,** the focus of **G-d's anger in the world,** as its name indicates.[27] While in Charan, Yaakov lived **in the house of Lavan. There (also) he worked as a shepherd in the simple sense of the word, serving** Lavan **with all his strength.[28] (Indeed, Yaakov's conduct serves as a model for the dedication that a worker must show his employer.)[29]**

**And it was specifically this service** which brought out the inner selfless commitment that characterized Yaakov. **Despite the immense concealment and hiddenness** of G-dliness he experienced **in Lavan's home, Yaakov remained unaffected; "I lived with Lavan and I observed the 613** ***mitzvos*****."[30] There he established** his family, **the tribes of G-d, in a manner concerning** which our Sages commented, **"His bed** (progeny) **was perfect."[31] This Divine service brought forth the ultimate** ***bittul*** **of Yaakov.**

**This is the (inner) reason why the primary property which Yaakov earned and took**

"אָהֳלוֹ שֶׁל שֵׁם וְאָהֳלוֹ שֶׁל עֵבֶר"[כג]; אוּן אוֹיךְ בְּסוֹף הַסֵּדְרָה, וואו עֶס וועֶרְט דֶערְצֵיילְט אַז יַעֲקֹב הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן בֵּית אָבִיו, אִיז עֶר נִיט אַוועֶק פוּן אָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה, נָאר אַדְּרַבָּה, "נִטְמַן בְּבֵית עֵבֶר י"ד שָׁנָה"[כד] אוּן דָארְט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה.

אִין פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא אָבֶּער רֶעדט זִיךְ וועֶגְן דֶעם ווִי וַיֵּצֵא יַעֲקֹב, עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דִי ד' אַמּוֹת שֶׁל תּוֹרָה אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין חָרָן - חֲרוֹן אַף שֶׁל מָקוֹם בָּעוֹלָם[כה], אִין בֵּית לָבָן הָאֲרַמִּי; אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אַלְס רוֹעֶה פוּן צֹאן לָבָן (אוֹיךְ) כִּפְשׁוּטוֹ, אוּן אִין אַן אוֹפֶן פוּן "בְּכָל כֹּחִי עָבַדְתִּי גו'"[כו] (בִּיז אַז מְ'לֶערְנְט אָפּ[כז] פוּן יַעֲקֹב'ן ווִי אַזוֹי אַ פּוֹעֵל דַארְף אַרְבֶּעטְן פַאר זַיְין בַּעַל הַבַּיִת);

אוּן דַוְקָא דִי עֲבוֹדָה - אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם גוֹדֶל הַהֶעְלֵם וְהַהֶסְתֵּר בְּבֵית לָבָן, אִיז יַעֲקֹב נִיט נִתְפָּעֵל גֶעוואָרְן, אוּן "עִם לָבָן הָרָשָׁע גַּרְתִּי, וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי"[כח], אוּן עֶר הָאט דָארְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי שְׁבָטִים שִׁבְטֵי יָ"הּ אִין אַן אוֹפֶן פוּן "מִטָּתוֹ שְׁלֵמָה"[כט] - דִי עֲבוֹדָה הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט דֶעם תַּכְלִית הַבִּיטוּל פוּן יַעֲקֹב'ן.

וְיֵשׁ לוֹמַר אַז דָאס אִיז דֶער טַעַם (פְּנִימִי) ווָאס דֶער עִיקָר פוּנֶעם רְכוּשׁ ווָאס יַעֲקֹב הָאט פַארְדִינְט

25. *Bereishis Rabbah* and *Rashi* to that verse.

26. *Rashi*'s commentary at the conclusion of *Parshas Toldos*; *Megillah* 16bff.; *Seder Olam,* ch. 2.

27. See *Rashi*'s commentary at the conclusion of *Parshas Noach.*

28. *Bereishis* 31:6.

29. *Rambam*, *Mishneh Torah,* the conclusion of *Hilchos Sechirus*; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Choshen Mishpat, Hilchos She'elah U'Sechirus*, subsec. 20; see also *Likkutei Sichos*, Vol. 25, p. 139ff.

30. *Bereishis* 32:5 and *Rashi*'s commentary.

31. *Vayikra Rabbah* 36:5; *Rashi*'s commentary to *Bereishis* 47:31; see also *Pesachim* 56a; *Sifri* to *Devarim* 6:4; *et al.*

**with him from the house of Lavan was sheep. For sheep alludes to the spiritual peak which he attained through his Divine service in the house of Lavan, the quality of *bittul*,[32] as explained above.**

און מיטגענומען פון בית לבן איז געווען צאן דוקא - ווייל אין "צאן" איז מרומז דער עילוי רוחני צו וועלכן ער איז צוגעקומען דורך עבודתו בבית לבן - דער ענין הביטול[ל], כנ"ל.

{**This is also alluded to by the expression, "The man became prodigiously** successful." *Poratz,* the root of the word *vayifrotz,* translated as "became… successful," literally means "broke through," alluding to the inner strength required **to break through barriers** and overcome limitations. **For through *bittul* (identified with sheep), one can overcome** all **the limits of the Spiritual Cosmos and approach the Divine light that has no limitations.** This is alluded to by the words ***me'od me'od,*** translated as "prodigiously." ***Me'od,*** which alludes to an unlimited quality, **is repeated.**[33]

[און דאס איז אויך דער דיוק הלשון "ויפרץ האיש מאד מאד" - פון לשון פורץ גדר - ווייל דורך ביטול (צאן) איז מען פורץ די גדרים פון סדר השתלשלות און מען קומט צו צום אור אלקי וואס האט ניט קיינע הגבלות - "מאד מאד" (ב' פעמים "מאד")[לא];

This sequence continued **until, as reflected in the chassidic**[34] **– and positively-oriented – interpretation of the verses,**[35] **"He changed my wages ten times.... If he said, 'The spotted ones will be your wages,'** all the flocks would bear spotted ones, and if he said, **'Ringed ones** shall be your wages,' all the animals would bear ringed ones"; **Yaakov drew down "the essential will of the Source of Emanation."** This level of G-dliness **is above any division or form. Hence, his wages were** continually **able to change from one form to another.**}

ביז - ווי חסידות[לב] טייטשט אפ די פסוקים[לג] "והחליף את משכרתי עשרת מונים גו' אם כה יאמר נקדים יהיה שכרך גו' עקדים גו'" למעליותא - אז יעקב בעבודתו האט ממשיך געווען "עצמות רצון המאציל" וואס איז העכער פון התחלקות וציור, און דערפאר האט זיין שכר געקענט נחלף ווערן פון איין ציור צום צווייטן].

## When a Jew Should Speak Boldly

**The Divine service of a son, which is dependent on one's understanding and comprehension (i.e.,** qualities associated with **one's personal identity), must also be carried out in a manner of *bittul***

ו. כשם ווי אין דער עבודה פון "בן", וואס ענינה איז מיט הבנה והשגה ("מציאות"), מוז אויך זיין דער ענין הביטול

32. See *Toras Chayim*, *Bereishis*, p. 30c ff., which elaborates on the connection of this concept to the attribute of mercy, the attribute identified with Yaakov our Patriarch.

33. See *Torah Or*, *Bereishis*, p. 23c; *Toras Chayim*, *Bereishis*, p. 39d.

34. See *Torah Or*, *Bereishis*, p. 24a; *Toras Chayim*, *Bereishis*, p. 38a–b.

35. *Bereishis* 31:7–8.

(as stated above). **Similarly, the Divine service of sheep, which is characterized (primarily) by *bittul*, must** also **(bring into expression) all of the powers of one's soul,** even those associated with **one's personal identity.**

**To the contrary, *bittul* and self-effacement alone are not sufficient to combat the concealment and hiddenness of** G-d in **the world. Instead, it is necessary** to follow **the directive found in the very beginning of the *Tur* (and the *Shulchan Aruch*),[36] "Be bold as a leopard... and valiant as a lion." We must use the quality of boldness[37] "not to be embarrassed when confronted by scoffers" and the quality of valor "to overcome** one's evil **inclination and conquer it, like a mighty man who overcomes his adversary, vanquishing him and throwing him to the ground."[38]**

**However,** with regard to this service of valor, **it must be clarified that one must act as a result of his *bittul* to G-d's will. For if his valor comes as a result of his own *yeshus*** (self-concern), **it will be the opposite of holiness. Accordingly, such conduct cannot serve as the proper resource to combat those who scoff and oppose the Torah and its *mitzvos*.**

**(In addition, when one fights using the strength of his personal existence, he may not be victorious in battle. For the opposing side**

(כַּנַּ"ל סְעִיף ד) - עַל דֶּרֶךְ זֶה אִיז אוֹיךְ לְאִידָךְ גִּיסָא, אַז אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן "צֹאן", וָואס (עִיקָרָהּ) אִיז בִּיטּוּל, מוּזְן זַיְין (דִי פְּעוּלוֹת פוּן) אַלֶע כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ, זַיְין "מְצִיאוּת";

וְאַדְּרַבָּה: מִיט בִּיטּוּל וְשִׁפְלוּת אַלֵיין קֶען מֶען נִיט לוֹחֵם זַיְין קֶעגְן דֶעם הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר הָעוֹלָם, נָאר עֶס מוּז זַיְין - ווִי דִי הוֹרָאָה אִין אָנְהוֹיבּ פוּן אַלֶע פִיר חֶלְקֵי הַטּוּר (וְשׁוּלְחָן עָרוּךְ[לד]) - "עַז כַּנָּמֵר כו' גִּבּוֹר כָּאֲרִי", אַז מְ'דַארְף נוּצְן דִי מִדַּת הָעַזּוּת[לה] "שֶׁלֹּא לְהִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים", אוּן דִי מִדַּת הַגְּבוּרָה "לְהִתְגַּבֵּר[לו] עַל יִצְרוֹ לְנַצְּחוֹ כְּגִבּוֹר הַמִּתְגַּבֵּר עַל שׂוֹנְאוֹ לְנַצְּחוֹ וּלְהַפִּילוֹ לָאָרֶץ"[לז].

נָאר דֶערְבַּיי דַארְף מֶען זִיךְ בַּאווָארֶענֶען, אַז דָאס זָאל גֶעטָאן וֶוערְן אַלְס תּוֹצָאָה פוּן זַיְין בִּיטּוּל צוּם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן. אוֹיבּ דִי גְבוּרָה וכו' אִיז מִצַּד זַיְין אֵייגֶענֶער יֵשׁוּת, אִיז

(נוֹסָף אוֹיף דֶעם, וָואס וֶוען מְ'אִיז לוֹחֵם מִיטְן תּוֹקֶף פוּן דֶער אֵייגֶענֶער מְצִיאוּת, קֶען מֶען נִיט ווִיסְן וֶוער וֶועט מְנַצֵּחַ זַיְין דִי

---

**36.** *Avos* 5:20.

The term *Shulchan Aruch* in the main text refers to **the *Mahadura Basra* of the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*. In contrast, the *Shulchan Aruch* of Rav Yosef Caro and the *Mahadura Kama* of the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* begin, "With the valor of a lion, one should rise...." *Rama* and subsec. 3 of the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* (*loc. cit.*) mention "not** to **be embarrassed..." (without mentioning the quality of boldness, although the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* concludes, "Nevertheless, he should not retort brazenly...." as mentioned in the coming note). Here is not the place for discussion of the issue.**

**37. "Nevertheless he should not retort brazenly, lest he acquire the habit of acting insolently" (the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*,** *Mahadura Kama*, ***loc. cit.*,** based on ***Beis Yosef*). See also our Sages' statement (*Beitzah* 25b), which describes the Jews as "the boldest of the peoples."**

**38. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*, *Mahadura Basra*, *loc. cit.***

**See also *II Divrei HaYamim* 17:6, "And he lifted up his heart in the paths of G-d." See *Torah Or*, p. 91b, 119c ff.; *Likkutei Torah*, *Bamidbar* p. 15c; *et al.***

**may well be fortified with a greater amount of that type of boldness.)**

**If instead** a person exhibits boldness **because the Torah commanded him to, his boldness and valor can vanquish** any **opponent. One can possibly explain that this is the inner reason why the *Tur* (and the Alter Rebbe in his *Shulchan Aruch*)[39] also quote the name of the author of that statement, Yehudah ben Teima. This comes to allude[40] to the fact that being "bold as a leopard" is appropriate only when it results from the approach** alluded to by the name **Yehudah ben Teima.**

**Yehudah reflects the Divine service of *hodaah*, acknowledgment and *bittul*,[41]** subordinating one's will to a higher authority. Ben Teima teaches that **the approach of *bittul* cannot merely be a preface at the beginning of one's Divine service.** Teima means "say" in Aramaic. The name **ben Teima,** "the son of Teima," implies **that one's *bittul* must constantly be** "said," i.e., **expressed. When one is "bold as a leopard,"[42]** even **when the qualities of boldness and valor are expressed** as the Torah commands, **one can easily slip into boldness and valor that stem from self-concern.[43]** Therefore, there

מִלְחָמָה, סְ'אִיז מֶעגְלֶעךְ אַז דֶער צַד שֶׁכְּנֶגֶד הָאט אִין זִיךְ מֶערֶער פוּן דֶעם סוּג עַזּוּת אוּן שְׁטַארְקַיְיט - אִיז)

דָאס הֵיפֶּךְ הַקְדוּשָּׁה, וּבְמֵילָא קֶען אַזַא הַנְהָגָה נִיט זַיְין קֵיין רִיכְטִיגֶער סִיּוּעַ אִין זַיְין מִלְחָמָה מִיט מַלְעִיגִים אוּן מְנַגְּדִים לַתּוֹרָה וּמִצְוֹת,

דַוְקָא וֶוען עֶר פִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְפַאר וָואס אַזוֹי הָאט אִים תּוֹרָה גֶעהֵייסְן, דַאן אִיז דָאס דִי עַזּוּת וּגְבוּרָה וָואס אִיז מְנַצֵּחַ דֶעם מְנַגֵּד.

וְיֵשׁ לוֹמַר, אַז דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם פְּנִימִי וָואס דֶער טוּר (אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער אַלְטֶער רֶבִּי בְּשׁוּלְחָנוֹ[לח]) בְּרֶענְגְט אוֹיךְ דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם בַּעַל הַמַּאֲמָר "עַז כַּנָּמֵר כו'" - "יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא":

דָאס קוּמְט צוּ מְרַמֵּז זַיְין[לח*], אַז דִי הוֹרָאָה פוּן "עַז כַּנָּמֵר כו'" אִיז אַ הַנְהָגָה רְאוּיָה וֶוען זִי קוּמְט פוּן "יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא" - יְהוּדָה מִלְּשׁוֹן הוֹדָאָה, דִי עֲבוֹדָה פוּן הוֹדָאָה וּבִיטּוּל[לט]; אוּן סְ'אִיז נִיט מַסְפִּיק אַז דֶער בִּיטּוּל זָאל זַיְין בְּלוֹיז וִוי אַ הַקְדָּמָה בִּתְחִלַּת הָעֲבוֹדָה, נָאר דֶער "יְהוּדָה" דַארְף זַיְין "בֶּן תֵּימָא" - דֶער בִּיטּוּל דַארְף זִיךְ (נָאכַאנַאנְד) "אַרוֹיסְזָאגְן" אִין דֶער הַנְהָגָה פוּן "עַז כַּנָּמֵר כו'"[מ]. וָוארוּם וִויבַּאלְד אַז מֶען שְׁטֵייט אִין דֶער תְּנוּעָה פוּן

---

39. **It is the custom of the *Tur* to quote the names of the Sages who author particular concepts, but this is not the custom of the Alter Rebbe in his *Shulchan Aruch*.**

40. **There is** also **a well-known allusion. The name Yehudah (יהודה) contains the letters of G-d's name (י-ה-ו-ה, see *Sotah* 10b, 36b). That is ben Teima,** "the one who constantly says," **I.e.** G-d's name is being expressed throughout **(the entire Torah).**

41. ***Torah Or,* pp. 44a, 45a.**

42. **It is possible to explain that this reflects the true* quality of *bittul*, that which transcends boundaries and limitations. Therefore, even the thrust of boldness (which on a superficial level runs contrary to the quality of *bittul*) is not a contradiction to this *bittul*.**

***See *Kehilas Yaakov*, *erech Yehudah ben Teima*, which states that Teima (תימא,) contains the letters of the word אמת, "truth."** This relates to Yaakov, as it is written (*Michah* 7:20), **"Grant truth to Yaakov."**

43. **Therefore, it is necessary for great care to be shown that one not respond with brazenness, as stated above (see footnote 36).**

is a need for a constant reminder that one's valor stems solely from Yehudah, i.e., *bittul.*

עַזּוּת וּגְבוּרָה קֶען מֶען אַרַיינְפַּאלְן אִין פָּשׁוּט'ער עַזּוּת פוּן יֵשׁוּת חַס וְשָׁלוֹם[מא].

## Diversifying Assets

**On this basis, we can understand the particular points mentioned above regarding Yaakov's sheep. Generally,** Yaakov's **Divine service (and** therefore **his property) centered on sheep (*bittul*), as explained above. Nevertheless, he did not remain content with this. Instead, he included in his property "maidservants, servants, camels, and donkeys." For in order to carry out the task of refinement as required (including also the refinement of Esav** whom he would confront **later), all the different types of Divine service (that are alluded to by these types of property)[44] were necessary.**

When including these other elements, however, **two matters must be forewarned:**

**a) Yaakov increased his property by acquiring the other assets through (exchanging) sheep.** This implies **that they were not considered independent aspects of Divine service, but an outgrowth of the Divine service of *bittul.***

**b) Even afterwards, he did not exchange all of his sheep for other assets. On the contrary, even then sheep remained the major portion of his assets. For even when entering the battle against the concealment and hiddenness** of G-d **within the world, where power and valor are necessary, the feelings of *bittul* must remain a fundamental quality.**

ז. אוּן דָאס אִיז דֶער בִּיאוּר אִין דִי פְּרָטִים הַנַּ"ל (סְעִיף א' וב') אִין צֹאן יַעֲקֹב:

אַף עַל פִּי אַז כְּלָלוּת עֲבוֹדָתוֹ (וּרְכוּשׁוֹ) אִיז גֶעוועֶן צֹאן (בִּיטוּל), כַּנַּ"ל, הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער דֶערְמִיט נִיט בַּאנוּגְנְט, נָאר עֶר הָאט אוֹיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זַיין רְכוּשׁ "שְׁפָחוֹת וַעֲבָדִים וּגְמַלִּים וַחֲמוֹרִים" - ווַיְיל כְּדֵי צוּ דוּרְכְפִירְן כִּדְבָעֵי דִי עֲבוֹדַת הַבִּירוּרִים, (וּבִפְרַט דֶערְנָאךְ דִי בֵּירוּרִים פוּן עֵשָׂו), זַיינֶען נוֹיטִיק אַלֶע פַארְשִׁידֶענֶע פְּרָטֵי וְאוֹפַנֵּי הָעֲבוֹדָה (ווָעלְכֶע זַיינֶען מְרוּמָּז אִין דִי עִנְיָנִים הַנַּ"ל[מב]).

נָאר אִין דֶעם זַיינֶען גֶעוועֶן צְווֵיי בַּאווָארֶענִישְׁן:

א) דִי הַגְדָּלַת הָרְכוּשׁ מִיט דִי פְּרָטִים נוֹסָפִים הָאט יַעֲקֹב קוֹנֶה גֶעוועֶן מִיט אוּן דוּרְךְ דֶעם (אוּמְבַּייט פוּן דֶעם) צֹאן - זֵיי זַיינֶען נִיט גֶעקוּמֶען ווִי אַן עֲבוֹדָה פַאר זִיךְ, נָאר אַלְס תּוֹצָאָה פוּן עֲבוֹדַת הַבִּיטוּל.

ב) אוֹיךְ נָאכְדֶעם הָאט עֶר נִיט פַארְקוֹיפְט דֶעם גַאנְצְן צֹאן אוּן פַארְבִּיטְן מִיט אַנְדֶערֶע קִנְיָנִים, נָאר אַדְּרַבָּה, דֶער צֹאן אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט גֶעבְּלִיבְּן עִיקַּר רְכוּשׁוֹ. ווָארוּם אוֹיךְ ווֶען מְ'אִיז אַרַיינְגֶעטְרָאטְן אִין דֶער מִלְחָמָה מִיטְן הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר הָעוֹלָם, ווָאס פָאדֶערְט תּוֹקֶף וּגְבוּרָה כו', מוּז בְּלַייבְּן דֶער הֶרְגֵּשׁ הַבִּיטוּל אַן עִנְיָן עִיקָּרִי.

---

44. See *Torah Or, Bereishis,* p. 24c.; *Toras Chayim, Bereishis,* p. 42d.

## Confronting Challenge

**In light of the above, we can appreciate why** Yaakov **did not mention sheep first when sending messengers to Esav, despite the fact that they represented his primary asset. By saying, "I have acquired oxen and donkeys, sheep, servants, and maidservants," Yaakov was telling** Esav of his spiritual assets, **the merits**[45] **and lofty powers that would sustain him** in his imminent confrontation with Esav**. In this way, he would frighten Esav and cause him to refrain from carrying out his designs.**

**For this reason,** Yaakov **did not mention sheep first.** As mentioned above, sheep **reflect the qualities of *bittul,* lowliness, and submission. And to frighten Esav, it was primarily necessary to have him first appreciate Yaakov's strength.**[46]

**Esav must know that Yaakov owns sheep, i.e., that he is characterized by *bittul.* Hence,** he will know that Yaakov's **strength is not his own personal valor, but the strength of holiness. Nevertheless, with what do we frighten** Esav? **With power.**

**This, however, applies with regard to** the qualities a person must show to **impress his opponent. But for himself, he must know and remember the truth, that his power is an extension of his *bittul*, and a Jew's primary resources are sheep.**[46]

ח. עַל פִּי זֶה אִיז אוֹיךְ פַאַרְשְׁטַאנְדִיק וָואס אִין דֶער שְׁלִיחוּת צוּ עֵשָׂו'ן וֶוערְט דֶער פְּרַט פוּן "צֹאן" נִיט גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס עֶרְשְׁטֶער פוּן דִי אוֹיסְגֶערֶעכֶענְטֶע פְּרָטֵי הָרְכוּשׁ - כָאטשׁ אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען עִיקַר רְכוּשׁוֹ:

מִיט זָאגְן "וַיְהִי לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה" הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט דֶערְמָאנֶען דִי זְכֻיוֹת[מג] אוּן כֹּחוֹת נַעֲלִים וָואס וֶועלְן אִים בַּיְישְׁטֵיין, אוּן דֶערְמִיט אָפְּשְׁרֶעקְן עֵשָׂו'ן פוּן צוּ טָאן וָואס עֵשָׂו הָאט גֶעוָואלְט טָאן.

אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִיט מַקְדִּים גֶעוֶוען דֶעם פְּרַט פוּן צֹאן, וָואס וַוייְזְט אוֹיף טֶבַע הַבִּיטוּל וְהַשִּׁפְלוּת וְהַהַכְנָעָה - ווַיְיל כְּדֵי צוּ אָפְּשְׁרֶעקְן עֵשָׂו'ן, דַארְף עֶר (עֵשָׂו) בְּעִיקָר אוּן צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁטְן דֶערְהֶערְן דֶעם תּוֹקֶף פוּן יַעֲקֹב[מד]; עֶר דַארְף טַאקֶע ווִיסְן אַז בַּיי יַעֲקֹב אִיז דָא צֹאן - דָאס הֵייסְט עִנְיַן הַבִּיטוּל, וּבְמֵילָא אִיז זַיְין תּוֹקֶף נִיט קֵיין אֵייגֶענֶער, נָאר סְ'אִיז אַ תּוֹקֶף דִקְדוּשָּׁה - אָבֶּער מִיט וָואס שְׁרֶעקְט מֶען אִים אָפּ - מִיט תּוֹקֶף.

דָאס אִיז אָבֶּער נָאר בַּנּוֹגֵעַ צוּ דֶעם וָואס דֶער צַד שֶׁכְּנֶגֶד דַארְף דֶערְהֶערְן. פַאר זִיךְ אַלֵיין דַארְף מֶען ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם אֱמֶת, אַז דֶער תּוֹקֶף אִיז אַ תּוֹצָאָה פוּן בִּיטוּל, וְאַדְּרַבָּה - דֶער עִיקַר רְכוּשׁ פוּן אַ אִידְן אִיז צֹאן דַוְקָא[מד].

---

45. See *Bereishis Rabbah* 75:6, 12 and the commentary of the *Yafeh To'ar*. See also the commentary of R. Moshe Alshech and *Megaleh Amukos* to *Bereishis* 32:6, *et al.*

46. Note *Toras Chayim, Bereishis* 40d.

## A Mission of Vital Necessity

**The above contains an obvious directive for our generation: We must follow the mode of Divine service** mandated by ***Vayeitzei,* going out to the world** at large **and illuminating it.** True, **beforehand, it is necessary to prepare oneself by studying Torah in the tents of Shem and Ever. But to attain** the peak of **"And the man became prodigiously** successful," i.e., **"fill**ing **up the land and conquer**ing **it,"[47] one must go out to the world and occupy himself with illuminating it.[48]**

**On the contrary, in this era, *ikvesa diMeshicha,*** when *Mashiach's* approaching footsteps can be heard, **the primary focus of our Divine service is action.[49] In the era of the Talmud, Torah study was the primary focus.[49]** This is no longer true in the present age. Indeed, **as reflected in the ruling of the *Shulchan Aruch,*[50] there is no one in the present age of whom it can be said, "his Torah is his** sole **occupation" (as was the level of Rabbi Shimon bar Yochai and his colleagues). Not even a small percentage of the Jewish people are on that level, because the fundamental Divine service of the present era is action, performing acts of *tzedakah.***

**In particular, this applies in the present generation when the efforts to find Jews blundering in the darkness of exile and bring them to the light of the Torah and its *mitzvos*** must be carried out on the most basic level. We are not speaking about **making a common person a scholar,** making **a lesser scholar a greater scholar, or** even making **a person who is lax in his observance of *mitzvos* a genuine-**

ט. דִי אֵיינְפַאכֶע הוֹרָאָה פוּן כָּל הַנַ"ל (בְּדוֹרֵנוּ זֶה) אִיז: עֶס מוּז זַיְין דֶער סֵדֶר עֲבוֹדָה פוּן "וַיֵּצֵא" - אַרוֹיסְגֵיין אוּן לִיכְטִיק מַאכְן דִי וֶועלְט. מֶען דַארְף אוּן מֶען מוּז פְרִיעֶר הָאבְּן דִי הֲכָנָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה בְּאָהֳלֵי שֵׁם וְעֵבֶר, מְ'דַארְף אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּ "וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד", מִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ וְכִבְשׁוּהוּ[מה], מוּז מֶען אַרוֹיסְגֵיין אִין "אֶרֶץ" אוּן פַארְנֶעמֶען זִיךְ מִיט בַּאלַיְיכְטְן דִי וֶועלְט[מו].

וְאַדְּרַבָּה, "בְּעִתִּים[מז] הַלָּלוּ בְּעִקְבְתָא מְשִׁיחָא" אִיז דֶער עִיקַר הָעֲבוֹדָה דַוְקָא אִין עֲשִׂיָּה, מַה שֶׁאֵין כֵּן בִּזְמַן הַשַּׁ"ס וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה[מז], עַל דֶּרֶךְ דֶעם פְּסַק דִין אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ[מח], אַז הַיְינְטִיקֶע צַיְיטְן אִיז נִיטָא דִי מְצִיאוּת פוּן "תּוֹרָתוֹ אוּמָנָתוֹ" (דִי דַרְגָא פוּן רַשְׁבִּ"י וַחֲבֵירָיו), אֲפִילוּ נִיט בַּיי אַ מִיעוּט פוּן אִידְן - וַוייל עִיקַר הָעֲבוֹדָה בִּזְמַן הַזֶּה אִיז אִין עֲשִׂיָּה, מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה.

וּבִפְרַט בְּדוֹרֵנוּ זֶה, וָואס אָט דִי הִתְעַסְּקוּת - צוּ אוֹיפְזוּכְן אִידְן וָואס בְּלָאנְדזשֶׁען אִין חוֹשֶׁךְ הַגָּלוּת אוּן זֵיי אַוֶועקְשְׁטֶעלְן בְּקֶרֶן אוֹרָה פוּן נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר - בַּאשְׁטֵייט בְּעִיקָר נִיט אַזוֹי אִינֶעם אוֹיפְטוּ צוּ מַאכְן פוּן אַן עַם הָאָרֶץ אַ לַמְדָן, פוּן אַ קְלֶענֶערְן לַמְדָן אַ גְרֶעסֶערְן, פוּן אַ מֵקִיל בְּמִצְוֹת אַ יְרֵא־שָׁמַיִם

47. *Bereishis* 1:28.

48. See *Likkutei Sichos*, Vol. 3, p. 788ff.

49. See *Tanya*, *Iggeres HaKodesh*, Epistle 9.

50. See *Tur*, *Shulchan Aruch*, and the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch*, the conclusion of sec. 106.

**ly G-d-fearing individual. We are talking about actually saving lives!**

בְּתַכְלִית, נָאר אִין דֶעם עִנְיָן פוּן הַצָּלַת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ!

For when we act in this manner, **we save the life of a Jew and** thereby **all his descendants, insuring that they remain Jewish and conduct themselves (at least regarding their actual deeds) as a Jew must conduct himself.**

מֶען אִיז מַצִּיל דֶעם נֶפֶשׁ פוּן דֶעם אִידְן וּבָנָיו כו׳, עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת, אַז זַיי זָאלְן בְּלַייבְּן אִידְן און פִירְן זִיךְ (אָנְהֵייבֶּענְדִיג עַל כָּל פָּנִים בַּנּוֹגֵעַ לְמַעֲשֶׂה) ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.

## The Key to Success

**To add another point: For a person's efforts to be crowned with success, they must be motivated by *bittul*.** He must be dedicated to a higher purpose and **carry out** these activities **for the sake of fulfilling G-d's mission of illuminating the exile.**

יו״ד. נָאךְ אַ נְקוּדָּה אִין דֶעם: כְּדֵי אַז דִי עֲבוֹדָה זָאל זַיין בְּהַצְלָחָה רַבָּה, מוּז עֶס גֶעטָאן ווֶערְן מִתּוֹךְ בִּיטוּל; מְ׳דַארְף עֶס טָאן כְּדֵי צוּ אוֹיסְפִירְן דִי שְׁלִיחוּת פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ בַּאלַייכְטְן דֶעם חוֹשֶׁךְ הַגָּלוּת.

**When one carries out his mission with *bittul*, his efforts are not determined by the limits of his nature and** personal **satisfaction.**[51] **It does not make that much difference to him where G-d sends him. Wherever G-d's providence directs him, with whichever people he comes into contact, he invests all of his power and all of his strength to raise up "many students,"**[52] **surpassing all boundaries and limits in a manner in which "the man becomes prodigiously** successful."

בְּשַׁעַת מֶען טוּט דִי עֲבוֹדָה מִתּוֹךְ בִּיטוּל, אִיז זִי נִיט אוֹיסְגֶעמָאסְטְן לוֹיט דִי מְדִידוֹת וְהַגְבָּלוֹת פוּן טֶבַע און גֶעשְׁמַאק; סְ׳אִיז בַּא אִים נִיטָא קֵיין גְרוֹיסֶע נַפְקָא־מִינָּה וואוּהִין דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט - אִין יֶעדֶער אָרְט וּמַצָּב וואוּ דִי הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה פִּירְט, און בַּא יֶעדְן סוּג אִידְן מִיט ווֶעלְכֶע עֶר קוּמְט אִין פַארְבִּינְדוּנְג, לֵייגְט עֶר זִיךְ אַרַיין מִיט אַלֶע כֹּחוֹת און בְּכָל הַתּוֹקֶף צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן "תַּלְמִידִים הַרְבֵּה"[מט], לְמַעְלָה מִמְּדִידָה וְהַגְבָּלָה, אִין אַן אוֹפֶן פוּן "וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד".

**When one proceeds with the attitude that one must carry out G-d's mission, one is successful with all types of students.** To borrow the words from the Torah reading, **"If he said, 'The spotted ones** will be your wages....'

און בְּשַׁעַת מֶען גֵייט מִיט דֶער הַנָּחָה אַז מְ׳דַארְף אוֹיסְפִירְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס שְׁלִיחוּת, אִיז מֶען מַצְלִיחַ מִיט אַלֶע סוּגֵי תַּלְמִידִים - "אִם כֹּה יֹאמַר נְקֻדִּים גו׳"

51. When a person's efforts are inspired by his own understanding, there will always be certain limits and constraints. There are particular areas in which he will choose not to be involved. When, by contrast, he is motivated by a commitment to G-d's purpose, there are no limits to the spheres of activity in which he devotes his efforts or to the degree of his commitment.

52. ***Avos*** **1:1; see *Likkutei Sichos*, Vol. 4, p. 1180.**

און ״אִם כֹּה יֹאמַר עֲקֻדִּים גו׳״, אִיז - ״וְיָלְדוּ כָל הַצֹּאן גו׳״, אַלֶע תַּלְמִידִים וואַקְסְן אוֹיס כִּדְבָעֵי, און נָאכְמֶער ״פָּרוֹת וְרָבוֹת יוֹתֵר מִשְּׁאָר צֹאן״[נ], און ס׳אִיז ״מִטָּתוֹ שְׁלֵמָה״ - ס׳אִיז נִיטָא קֵיין דוֹפִי חַס וְשָׁלוֹם אִין בָּנָיו־תַּלְמִידָיו.

און דָאס גְרֵייט צוּ יֶעדְן אִיד און אַלֶע אִידְן צוּ דֶער גְאוּלָה הָאֲמִתִּית וְהַשְּׁלֵמָה, וואָס בַּא דֶער גְאוּלָה וועֶט קֵיין אֵיין אִיד נִיט בְּלַייבְּן אִין גָלוּת, ווִי דֶער יִעוּד ״וְאַתֶּם תְּלֻקְּטוּ לְאַחַד אֶחָד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״[נא], און ״קָהָל גָּדוֹל יָשׁוּבוּ הֵנָּה״[נב], בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

(משיחת יו״ד כסלו תשל״ז)

**If he said: 'The ringed ones....' All the flocks would bear....''; i.e., all of the students grow up in the desired manner. Moreover, "they are more fertile than other sheep;"[53]** their *bittul* will enable them to produce many students. **One's "bed** (progeny) **is perfect"; there are no flaws in one's offspring, i.e., his students.**

**This prepares each Jew – and all Jews – for the true and ultimate Redemption. In this Redemption, not one Jew will remain in exile, as we have been promised,[54] "You, the Children of Israel, will be gathered one by one," and "a great congregation will return here";[55] may this take place in the immediate future.**

---

53. *Rashi*'s commentary to *Bereishis* 30:43.

54. *Yeshayahu* 27:12. See *Rashi*'s commentary to *Devarim* 30:3, "G-d **will actually hold the hand of each and every person,** bringing him **from his place."**

55. *Yirmeyahu* 31:7.

---

א) פרשתנו ל, מג.
ב) על הפסוק.
ג) ראה תורת חיים פרשתנו (ל, ג).
ד) לב, ו.
ה) ראה גם בחיי שם. ועוד.
ו) פרשתנו לא, יח.
ז) כפירוש רש״י שם: מה שקנה מצאנו עבדים ושפחות וגמלים וחמורים.
ח) האר ש״וקל ה״ח ׳ע 69 ךליאו.
ט) ריש סירישה הבר ב״פ, זט (א).
י) לכללות סעיף זה - ראה אור התורה ראה ע׳ תשפד־ה. ע׳ תשצה ואילך.
יא) לקוטי תורה ראש השנה סב, ד.
יב) להעיר גם מדרך מצותיך (ד, א־ב) דענין היחוד והזווג לא יתכן למעלה מאצילות, עיין שם.
יג) קהלת ד, ח.
יד) עד שההמלכה על כללות הבריאה היתה בנשמותיהן של ישראל (ראה בראשית רבה פ״ח, ז. רות רבה פ״ב, ג. וראה לקוטי אמרים ואור תורה להרב המגיד בתחלתן. נתבאר בלקו״ש חט״ז ע׳ 486).
טו) ישעי׳ נז, טו.
טז) לקוטי תורה אמור לז, סע״א ואילך. תורת חיים פרשתנו לא, ב. וישלח מא, רע״א. אור התורה וישלח רכח, ב. אור התורה ראה שם (ע׳ תשצו).
יז) לכללות סעיף זה - להעיר ממה שנתבאר (לקו״ש ח״כ ע׳ 333 ואילך) בביאור מאמר רז״ל (בראשית רבה פ״ס, ח. פירוש רש״י חיי שרה כד, מב) ״יפה שיחתן של עבדי בתי אבות מתורתן של בנים״. ולהעיר מאור התורה ראה שם ע׳ תתא (ושם, שצאן הוא ענין עסק התפלה. וראה בלקו״ש ח״כ שם ע׳ 331 הערה 62).
יח) ברכות יז, א: אלקי נצור כו׳.
יט) נדרים פא, א. בבא מציעא פה, ריש ע״ב. נתבאר לקו״ש חט״ו ע׳ 3 ואילך, ושם נסמן. ובכמה מקומות.
כ) תורה אור פרשתנו כג, ג. תורת חיים פרשתנו לח, ב. שם ריש פרשת וישלח. אור התורה שם רכח, א.
כא) ראה על דרך זה לקו״ש חט״ו ע׳ 247 והערה 34. וראה שם (ע׳ 248-9), שעילוי זה בהנשמה (מה שעל ידי עבודת הבירורים מגעת לבחינת הביטול) - נוגע להשלמת הכוונה דדירה בתחתונים. כי כדי שעבודת האדם תפעול שהתחתונים יהיו דירה לו יתברך, לו לעצמותו - שזהו מצד זה שדוקא בעולם הזה ישנו הביטול ד״אין עוד״ - צריכה להיות העבודה בביטול לגמרי, מעין הביטול ד״אין עוד״, עיין שם.
כב) בהבא לקמן - להעיר מתורת חיים תולדות ד״ה ויתן לך פ״כ ואילך.
כג) תולדות כה, כז. תישארב הבר ופירוש רש״י על הפסוק.
כד) פירוש רש״י סוף פרשת תולדות. ממגילה טז, סע״ב ואילך. סדר עולם פ״ב.
כה) רש״י סוף פרשת נח.
כו) פרשתנו לא, ו.

כז) רמב"ם הלכות שכירות בסופן. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן חו"מ הלכות שאלה ושכירות סעיף כ.

כח) וישלח לב, ה וברש"י שם.

כט) ויקרא רבה פל"ו, ה. פירוש רש"י ויחי מז, לא. וראה פסחים נו, א. ספרי ואתחנן ו, ד. ועוד.

ל) וראה בארוכה תורת חיים פרשתנו (ל, ג ואילך) - השייכות למדתו של יעקב דוקא, מדת הרחמים.

לא) ראה תורה אור פרשתנו כג, ג. תורת חיים וישלח לט, ד.

לב) תורה אור סוף פרשתנו. תורת חיים פרשתנו לח, א־ב.

לג) פרשתנו לא, ז־ח.

לד) אדמו"ר הזקן במהדורא תנינא. - מה שאין כן במחבר ושולחן ערוך אדמו"ר הזקן מהדורא קמא שם: יתגבר כארי כו'. וברמ"א שם (ושולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם ס"ג) "ולא יתבייש כו'" (ולא הזכיר ענין העזות. אלא שבשולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם מסיים "ומכל מקום לא יענה דברי עזות כו'", כבהערה הבאה). ואין כאן מקומו.

לה) אלא ש"לא יענה דברי עזות כו' שלא יקנה קנין בנפשו כו'" (שולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם. מבית יוסף שם). ולהעיר ממאמר רז"ל שישראל עזין שבאומות (ביצה כה, ב).

לו) לשון אדמו"ר הזקן במהדורא תנינא שם.

לז) להעיר גם מ"ויגבה לבו בדרכי ה'" (דברי הימים ב יז, ו. תורה אור צא, ב. קיט, ג ואילך. לקוטי תורה במדבר טו, ג. ובכמה מקומות).

לח) בטור דרכו להביא מאמרי רז"ל בשם אומרם. אבל אין זה דרכו של אדמו"ר הזקן בשולחנו.

לח*) ידוע הרמז דמתחיל ביהודה, דשם הוי' בו (ראה סוטה י, ב. לו, ב), שהוא בן תימא (דכל התורה).

לט) תורה אור ריש פרשת ויגש (מד, א) וריש פרשת ויחי.

מ) ויש לומר שבזה דוקא מתבטא אמיתית* ענין הביטול, שלמעלה ממדידה והגבלה, שלכן גם התנועה דעזות (שבחיצוניות הוא היפך ענין הביטול) אינה בסתירה להביטול.

*) להעיר מקהלת יעקב ערך יהודה בן תימא: תמא אותיות אמת תתן אמת ליעקב.

מא) שלכן צריכה להיות זהירות "שלא יענה דברי עזות כו'" (ראה לעיל הערה לה).

מב) ראה תורה אור ריש פרשת וישלח. תורת חיים שם מב, ד.

מג) ראה בראשית רבה פע"ה, ו. שם, יב. יפה תואר שם. וראה אלשיך ומגלה עמוקות על הפסוק ויהי לי שור גו'. ועוד.

מד) להעיר גם מתורת חיים וישלח מ, סע"ד.

מה) בראשית א, כח.

מו) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 788 ואילך.

מז) אגרת הקדש סוף סימן ט.

מח) ראה טור ושולחן ערוך ואדמו"ר הזקן או"ח סוף סימן קו.

מט) אבות פ"א מ"א. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1180.

נ) פירוש רש"י פרשתנו ל, מג.

נא) ישעי' כז, יב. וברש"י נצבים (ל, ג): אוחז בידיו ממש איש איש ממקומו.

נב) ירמי' לא, ז.

SICHOS IN ENGLISH